# חיי שרה

## נרות דולקות מערב שבת לערב שבת

בנוגע צו שרה און רבקה דערציילן די חז"ל[1], אַז די שבת-ליכט וואָס זיי האָבן אָנגעצונדן, האָבן געברענט און געלויכטן "**מערב שבת לערב שבת**" – אַ גאַנצע וואָך.

דער צוועק פון נרות שבת קודש איז "**שלום בית**"[2] – צו אַריינברענגען ליכטיקייט אין שטוב אין דער פינסטערניש פון נאַכט, כדי מ'זאָל ניט עסן סעודת שבת אין דער פינסטערניש וואָס פאַרשאַפט צער, און מ'זאָל ניט געשטרויכלט ווערן אין אַן "עץ" אָדער "אבן" גייענדיק אין דער פינסטער[3].

גלייכצייטיק ברענגט די ליכטיקייט פון נר שבת אויך אַ תועלת אין דעם רוחניות'דיקן לעבן פון אַ אידן: דורך דעם וואָס ער האָט די ליכטיקייט פון נר שבת, קען ער לערנען תורה אויך ביינאַכט (ווען אינדרויסן איז פינסטער); ער קען זען און פאַנאַנדערטיילן צווישן כשר'ע עסנוואַרג און ניט קיין כשר'ע; ער קען קוקן אין סידור און זאָגן די ריכטיקע ברכה, בענטשן נאָכן עסן, און אַזוי ווייטער.

> יעדע אידישע פרוי און מיידל וואָס צינדט שבת ליכט, ברענגט אַריין אין שטוב אַ רוחניות'דיקע ליכטיקייט אויף דער גאַנצער וואָך

און וויבאַלד די שבת ליכט פון שרה און רבקה אמנו האָבן געברענט אַ גאַנצע וואָך, מערב שבת לערב שבת, איז דערפון פאַרשטאַנדיק, אַז ענלעך דערצו איז ביי יעדער אידישער פרוי און מיידל וואָס צינדט שבת ליכט, אַז כאָטש אפילו די ליכט ברענען ניט אַ גאַנצע וואָך בגשמיות, ברענגען זיי אָבער אַריין אין שטוב אַ **רוחניות'דיקע** ליכטיקייט אויף דער גאַנצער וואָך, וואָס באַלייכט די אויפפירונג אין שטוב עס זאָל זיין לויט די

# YIDDISH SICHA



אָנווייזונגען פון "נר מצוה ותורה אור"[4].

יעדע אידישע מיידל האָט דעם טיטול "בת שרה רבקה רחל ולאה"[5].

אָט די שליחות און מצוה פון באַלייכטן די הויז, במשך דער גאַנצער וואָך, דורך אָנצינדן ליכט יעדן ערב שבת און יום טוב (פאַרנאַכט), איז איבערגעגעבן געוואָרן צו יעדער אידישער טאָכטער, גלייך ווען זי ווערט בת מצוה.

און איר ערציאונג דערצו (איידער זי ווערט אַ בת-מצוה) איז די מצוה פון חינוך – אַז גלייך ווען זי איז שייך צו פאַרשטיין די וויכטיקייט און דעם אינהאַלט פון דער ליכטיקער מצוה, זאָל זי אָנהויבן אָנצינדן ליכט יעדן ערב שבת און יום טוב.

> יעדע אידישע מיידעלע האָט מען איבערגעגעבן אַ שליחות זי זאָל אַריינברענגען די ליכטיקייט פון שבת און יו"ט אין דער גאַנצער הויז

דאָס אונטערשטרייכט אויך נאָכמער די וויכטיקייט פון דער אויפפירונג פון יעדע אידישע מיידעלע – אַז **איר** האָט מען איבערגעגעבן אַ שליחות זי זאָל אַריינברענגען די ליכטיקייט פון שבת און יום טוב אין דער גאַנצער הויז, צוזאַמען מיט איר מוטער און די עלטערע שוועסטער.

גלייך ווען זי קומט צום גיל פון חינוך (צו די יאָרן ווען מ'ערציט איר צו מקיים זיין מצוות) – מאַכט זי אַ ברכה, זי בענטשט דעם אויבערשטן (בכלל, און במיוחד) פאַר דעם וואָס ער האָט איר געגעבן די שליחות צו מקיים זיין די מצוה[6],

וואָס די מצוה באַשטייט אין אַריינברענגען הייליקע ליכטיקייט אין דער גאַנצער הויז, צוזאַמען מיט איר מוטער און אירע עלטערע שוועסטער.

נאָך מער:

דער מנהג איז, אַז די מיידעלעך צינדן ליכט נאָך פאַר דער מוטער. קומט אויס, אַז די קליינע מיידעלעך זיינען די **ערשטע** צו אַריינברענגען די ליכטיקייט פון "נרות שבת קודש" אין דער שטוב. אויך נאָך דעם ווי די מאַמע און עלטערע שוועסטער צינדן ליכט, בלייבט ביי איר דער זכות צו זיין די ערשטע צו אַריינברענגען די ליכטיקייט פון "**נר מצוה**" אין שטוב!

> **די קליינע מיידעלעך זיינען די ערשטע צו אַריינברענגען די ליכטיקייט פון "נרות שבת קודש" אין דער שטוב**

און דאָס גרייט איר צו אַז ווען זי וועט אויסוואַקסן און וועט חתונה האָבן – זאָל זי אויך ליכטיק מאַכן איר אייגענע הויז אַלס "עקרת הבית"[7] (די בעל-הבית'טע פון דער הויז),

און ווען זי וועט געבענטשט ווערן מיט קינדער, און צווישן זיי אויך טעכטער – זאָל זי זיי ערציען אַז אויך זיי זאָלן ליכטיק מאַכן די הויז מיט אידישקייט, ביז אַז די הויז וועט ווערן ליכטיק אויך אין גשמיות כפשוטה,

און דורך דערויף – ליכטיק מאַכן די גאַנצע וועלט.

(ז"ך מנחם אב תשל"ח, ו' אלול תשל"ט, ז' אלול תש"נ, כ"ד כסלו תשנ"ב)

1) בראשית רבה פ"ס, טז. פרש"י חיי שרה כד, סז. 2) רמב"ם סוף הל' חנוכה. מגן אברהם או"ח סימן רסג ס"ק יג. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן או"ח שם סעיף א. 3) ראה מגן אברהם או"ח שם ס"ק יג-יד. שולחן ערוך אדמו"ר הזקן שם סעיף א. ד. 4) משלי ו, כג. 5) ראה ברכות טז, ב. אוצר הגאונים לברכות שם (פירושים ע' 22). אור זרוע חלק א סימן קו. 6) ראה שיחות חודש תשרי תשל"ה. לקוטי שיחות חלק יא ע' 284 ואילך. חלק טו ע' 168 ואילך. חלק יז ע' 146 ואילך. ועוד. לעיל כרך א' עמוד 314 ואילך. 7) ראה בראשית רבה פע"א, ב. זוהר חלק א קנד, א.